# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:13
מוצאי שב"ק...................5:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................ירמיה ו'-ז'
בבלי.........................נדרים ל"ב
ירושלמי.....................ברכות י"ג
תוספתא.....................מגילה ב'
רמב"ם......................שכירות ט'


פרשת תולדות, ב' כסליו, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 9 (579)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק הוֹיבְּט אָן אַז יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן אַבְרָהָם, אוּן עֶנְדִיגְט צוּ אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם יִצְחָק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ג), אַז וֶוער ס'הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, עֶס גֵייט אִים אֵייבִּיג גוּט, סַיי וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן פִירְט זִיךְ בְּלַייבְּט עֶר אַלְץ נָאר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אוֹיבּ גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, וַוייל עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן וֶועט אִים הֶעלְפְן, וַוייל אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַלֶעס נָאר פַאר זַיין טוֹבָה; אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶּער נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר אִיז אַלְץ טְרוֹיעֶרִיג אוּן נִישְׁט צוּפְרִידְן, וַוייל וִוי נָאר עֶס קוּמְט אִים אַמָאל אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, פַארְלִירְט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְצְן אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת אוּן גוּטְס אִין זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט אוּן לִיכְטִיג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעמָאל.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד דֶער עִיקָר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף זַיין אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס פַאסִירְט מִיט אִים קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ס'אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה; מְ'דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען שִׂמְחַת הַחַיִּים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן ס'וֶועט אִים אַלְץ זַיין גוּט אוּן פֵיין.

דֶערְפַאר פְרֵייעֶן מִיר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי, בְּהַעֲלוֹתְךָ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר י', י') **וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ שַׁבָּתוֹת**. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ז) אַז מְ'דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל שַׁבָּת אִיז דָאךְ דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אֱמוּנָה, מִיט דֶעם וָואס מִיר הִיטְן שַׁבָּת וַוייזְן מִיר דָאךְ אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִין זֶעקְס טֶעג אוּן עֶר הָאט גֶערוּעֶט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; אוּן וִוי נָאר ס'אִיז דָא אֱמוּנָה, אִיז שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ דָא שִׂמְחָה.

דִי בֵּיידֶע זַאכְן גֵייעֶן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען, וֶוען אַ אִיד הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיז עֶר אַלְץ פְרֵיילִיךְ; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אַרְבֶּעט עֶס אוֹיךְ אוֹיף פַארְקֶערְט, וִוי מֶער אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ וַואקְסְט בַּיי אִים מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה.

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ לְמַאֲמִינִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"ד, ז') אַז אֵיידֶער אַבְרָהָם אִיז גֶעקוּמֶען, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶוען דֶער "אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם", דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן הִימְל, אָבֶּער וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶער "אֱלֹקֵי הָאָרֶץ", אוֹיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעוואוּסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יִצְחָק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"א, ו') **צְחֹק עָשָׂה לִי אֱלֹקִים, כָּל הַשֹּׁמֵעַ יִצְחַק לִי.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק**, וָואס זֶענֶען דִי קִינְדֶער - דִי רֶעזוּלְטַאטְן - פוּן יִצְחָק, פוּן דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ? **בֶּן אַבְרָהָם**, אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ "בֶּן אֱמוּנָה", וַוייל דוּרְךְ שִׂמְחָה קוּמְט מֶען צוּ צוּ אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ פַארְקֶערְט, **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, דִי אֱמוּנָה וָואס אַ אִיד הָאט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, וִויסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, דַאן וֶועט אוּנְז אַלְץ גֵיין גוּט, אוּן מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל תּוֹלְדוֹת תשע"א)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### קֶענְסְט נִישְׁט אַלֵיין

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּ מוֹהַרָא"שׁ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע בַּעֲלֵי גַאֲוָה וָואס זֵיי וִוילְן נִישְׁט גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, זֵיי טַעֲנָה'ן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זֵיי, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס אַז זֵיי קֶענֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהַרָא"שׁ אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, פַארְוָואס רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן אַ "בַּעַל גַאֲוָה" אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶר קֶען אַלֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין?

מוֹהַרָא"שׁ הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אוּן דַארְף אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ אָבֶּער גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם


<<<<<<


## א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע נְפִילוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן פְּלוּצְלוּנְג אַ יְרִידָה, זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ'; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מִקְוֶה וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פָּנִים וְכוּ'; זַיי נִזְהָר אִין גֵיין אִין מִקְוֶה, מִקְוֶה וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען אַלֶע פִּינְטְלֶעךְ אוּן שְׁפַּאלְטֶענֶעס פוּן פָּנִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכג): "טְבִילַת מִקְוֶה טוֹבָה מְאֹד לִבְרִיאוּת הַגּוּף" זִיךְ טוֹבְל'ן אִין מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ. "כִּי יֵשׁ נְקָבִים קְטַנִּים הַרְבֵּה בְּגוּפוֹ שֶׁל אָדָם" וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט קְלֵיינֶע לֶעכֶערְלֶעךְ אוֹיפְ'ן קֶערְפֶּער, "וְהֵם נִקְבֵי הַזֵּעָה" לֶעכֶערְלֶעךְ פַאר דִי שְׁוֵייס, "שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם יוֹצֵא הַזֵּעָה מִן הָאָדָם" פוּן דִי לֶעכֶערְלֶעךְ גֵייט אַרוֹיס דִי שְׁוֵייס פוּנֶעם קֶערְפֶּער, "וְהֵם צְרִיכִין לִפָּתַח" דָאס דַארְף זַיין אָפְן, "כִּי אִם נִסְתָּמִין נִקְבֵי הַזֵּעָה" אוּן אוֹיבּ דִי לֶעכֶערְלֶעךְ וֶוערְן פַארְשְׁטָאפְּט, "יוּכַל לֵחָלֵשׁ וְלִפֹּל לְחֻלְשָׁה חַס וְשָׁלוֹם" קֶען מֶען וֶוערְן נִישְׁט גֶעזוּנְט חַס וְשָׁלוֹם, "וְעַל יְדֵי טְבִילָה בְּמַיִם נִפְתָּחִין נִקְבֵי הַזֵּעָה" אוּן דוּרְךְ זִיךְ טוֹבְל'ן אִין מִקְוֶה עֶפֶענֶען זֵיי זִיךְ אוֹיף, "וְזֶה טוֹב מְאֹד לִבְרִיאוּת הַגּוּף" אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר'ן גֶעזוּנְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס אַלֶעס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעט אִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן דִי קָאפּ בִּיז דִי פִּיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת הַשִּׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶס וֶועט אָבֶּער אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט עֶר פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט, אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הִתְחַזְקוּת אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער צַדִיק הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָה, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (תְּהִלִּים קט, ד) "וַאֲנִי תְּפִלָּה". דֶער צַדִיק הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן וִוי זַיין נַאטוּר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דִי כּוֹחוֹת זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן תְּפִלָּה.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת י.) אַז יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין חִזְקִיָהוּ הַמֶּלֶךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט נְבִיאוּת אַז עֶר זָאל לָאזְן צַוָואָה וַוייל עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן פוּן דִי קְרֶענְק. חִזְקִיָהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן נָבִיא: "עֶנְדִיגְט צוּ דַיין נְבִיאוּת אוּן גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא. אִיךְ הָאבּ מְקוּבָּל פוּן מַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְ'ן הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, חִזְקִיָהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל חִזְקִיָהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן זַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ, הָאט דָאס אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן. אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ נְבוּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער כֹּחַ קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם אוּן עֶר קְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, אִיז דָאס זֵייעֶר נַארִישׁ, עֶר וֶועט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל אַז אַ סוֹחֵר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן פַאר גֶעשֶׁעפְטְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד, דֶער לַאנְד אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֶעמְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר נִיטְאַמָאל גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ. עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ פִירְן דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט עֶר אַ הֵיימִישְׁן מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס אִין יֶענֶע לַאנְד, אוּן יֶענֶער הוֹיבְּט אִים אָן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין יֶענֶע לַאנְד, עֶר וַוייזְט אִים צוּ וואוּ מֶען קֶען גֵיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וואוּ מֶען קֶען פִירְן גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זִיךְ אַיינְהַאנְדְלֶען פֵיינֶע סְחוֹרָה פַאר בִּילִיג, אוּן וואוּ מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין הַאנְדְלֶען וַוייל דָארְט וֶועט מֶען וֶוערְן גוּט אָפְּגֶענַארְט.

דֶער סוֹחֵר דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אוּן וַוייזְט אִים דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן שְׁפָּארְט אִים אַיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער סוֹחֵר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶועט עֶר זַיין אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ יֶענֶעם, אוּן דַאן אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּרְכְפַאלְן אִין זַיין מִיסִיעֶ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט דָא צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ דָא אַן עֵצָה? וָואס אִיז יָא גוּט צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ טוּן? אוּן עֶס קוּמְט אַ צַדִיק וָואס גֶעבְּט אִים גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוֹפְן, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, עֶר זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְקוּמֶען וואוּ עֶרְדַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַ גְרוֹיסֶער טִיפֵּשׁ אוֹיבּ עֶר ווִיל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט אַמָאל אַרַיינְגֶערוּפְן זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע, וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אוֹיף נַדָן. דֶער אֵיינִיקְל הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט עֶס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אַ גֶעוִויסְן עוֹשֶׁר אִין וִויטֶעבְּסְק אַז יֶענֶער זָאל מַאכְן דֶערְמִיט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דֶער עוֹשֶׁר וֶועט אִים אַרָאפְּגֶעבְּן פְּרָאצֶענְטְן פוּן דִי פַארְדִינְסְטְן. דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי נֶעם צוּרִיק דָאס גֶעלְט אוּן לֵייג עֶס אַרַיין אִין דִי פּוּשְׁקֶע" אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן אוֹיף דִי "רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס" פּוּשְׁקֶע וָואס אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן טִישׁ...

דֶער אֵיינִיקְל הָאט גֶעקְלֶערְט אַז דֶער זֵיידֶע ווִיל אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ פָאלְגְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוֹיף זַיין וֶועג.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי וַוייבּ פוּנֶעם צֶמַח צֶדֶק אִיז גֶעקוּמֶען פוּן וִויטֶעבְּסְק אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִיר מַאן אוּן פַאר'ן זֵיידְן אַז דֶער עוֹשֶׁר פוּן וִויטֶעבְּסְק הָאט אָנְגֶעזֶעצְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאנְקְרָאט, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

דַאן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אֲפִילוּ מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן מִיר נִישְׁט פָאלְגְן? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מַיין רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, הָאבְּן מִיר אִים גֶעפָאלְגְט אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְפָארְן אִין וֶועג אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין פְרַאגֶעס, נָאר מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג".

אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלָאזְן אִין וֶועג, אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט וואוּ צוּ פָארְן. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שְׁאֵלוֹת, נָאר זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי רַייזֶע צוּם אוּמְבַּאקַאנְטְן צִיל.

נָאכְ'ן פָארְן אַ פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער הָאבְּן זִיךְ דִי פֶערְד גֶעדַארְפְט אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל אוּן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם אָרְטִיגְן קְרֶעטְשְׁמֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי פֶערְד זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ אִיד אִינֶעם דָארְף. זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז עֶס וואוֹינְט אֵיין אִיד אִינֶעם דָארְף אוּן זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים.

דֶער אִיד הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ נָאךְ אִידְן אִין דָארְף אָדֶער אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט. דֶער אִיד זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִיד אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט, דֶער נֶענְטְסְטֶער שׁוּל אִיז דְרַייסִיג פֶערְצִיג
<<<<<<

קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּנֶעם דָארְף. אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט פֵיין פַּרְנָסָה אִינֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע יָארְן, ווִיל עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶעק צִיעֶן פוּן דָארְט.

דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט תְּמִימוּת: "וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז אַ אִיד זָאל וואוֹינֶען אַלֵיינְס אִין אַ דָארְף אוּן עֶס זָאל דוּרְכְגֵיין אַ גַאנְצֶע יָאר אָן קַיין שׁוּל, אָן קַיין קַדִישׁ, קְדוּשָׁה, אוּן בָּרְכוּ? אָן צוּ זֶען אַ אִיד פַאר דִי אוֹיגְן?"

זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן דֶעם אִיד אוּן זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קְרֶעטְשְׁמֶע צוּ זֶען אוֹיבּ דִי פֶערְד זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער, זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער. ווען זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן זֶענֶען זֵיי נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם אִיד'ס הוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד לָאדֶענְט אַרוֹיף זַיין גַאנְצֶע הָאבּ אוּן גוּטְס אוֹיף וֶועגֶענֶער אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן פוּן דָארְף צוּ גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט צְוִוישְׁן אִידְן...

דַאן הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זֵייעֶר רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דֶעם אִיד הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

אוּן דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט צוּ זַיין אֵיינִיקְל: "קוּק וִוי מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט אוּנְזֶער רֶבִּי'ן אָן צוּ פְרֶעגְן קַיין שׁוּם שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט זוֹכֶה אַז מַיין אֵיינִיקְל זָאל מִיר פָאלְגְן"...

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיף דֶעם לַאנְגְן אוּן שְׁוֶוערְן וֶועג אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים אוֹיס, וֶועט אִים זַיין וואוֹיל אוּן לִיכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ צַדִיק)

<<<<<< נייעס

דער הייליגער רבי נתן זכותו יגן עלינו האט זיך אויסגעדרוקט: "וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן - זאגט גאט אזוי"; דאס קען מען שפירן באשיינפערליך ביים ארייגקוקן אין דעם ספר, ווי יעדעס ווארט קלעבט צו דעם מענטש צום אייבערשטן, און געבט א וועג צו לעבן מיט'ן אייבערשטן און גיין אויף די תורה וועג, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (ספרי עקב ו, ו:) "רצונך שתכיר את מי שאמר והי' העולם? למוד אגדה".

מכון עצתו אמונה האט אנגעהויבן בעז"ה מיט מסכת תענית, נאכדעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעדרוקט זיין באגער ארויסצוקומען מיט די חידושים אויף די מסכתא. אזוי אויך אז די מסכתא האבן פילע בחורים שיחיו מסיים געווען דעם פארגאנגענעם ראש השנה, שליסנדיג א תקופה פון פערציג טעג, אנגעהויבן פון חמשה עשר באב, וואס זיי האבן געלערנט דעם מסכתא יעדן טאג מיט מסירות נפש און גרויס יגיעה, זוכה זיין צו די סגולה פון מוהרא"ש, וואס האט מגלה געווען די סגולה, זוכה זיין צו א זיווג הגון.

דער ספר איז אויסגעשטעלט זענען לויט די סדר הדפים, און איז צוזאמגענומען פון די בריוון אין ספר איש אמונות, און ספר עצתו אמונה.

כאטש דער ספר איז מלא וגדוש מיט הערליכע עצות, חיזוק און הדרכה, פארט אבער איז דאס כטיפה מן הים פון וואס איז פארהאן פונעם ראש ישיבה שליט"א אויף די מסכתא, מכון עצתו אמונה האפט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף דאס צו איבערדרוקן ביי א קומענדיגע געלעגנהייט מיט פילע הוספות.

אנשי שלומינו בעטן ווייטער דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זוכה זיין צו קענען ווייטער אנגיין מיט די געוואלדיגע הרבצת התורה ואמונה, געזונטערהייט, און זוכה זיין ארויסצוגעבן די פילע בריוו, ספרים און דרשות אריינצוברענגען דעם אייבערשטן אין די וועלט.

**נופך ספיר ויהלום!**



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# זָאל אִיךְ בּוֹיעֶן אַ בּוּנְקֶער זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶועֶן פוּן אַ נוּקְלֶעאַרֶע קְרִיג?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער וִוי יֶעדֶער רֶעדְט אַז עֶס קוּמְט חַס וְשָׁלוֹם אַ נוּקְלֶעאַרֶע קְרִיג מִיט רוּסְלַאנְד, אֲפִילוּ דִי מְקוּבָּלִים זָאגְן שׁוֹין אוֹיךְ אַזוֹי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֶערְוֶועז דֶערְפוּן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶפֶּעס אַן אַלַארְם וֶוער אִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ טְרַאכְט צוּ בּוֹיעֶן אַ בּוּנְקֶער אוּנְטֶער מַיין הוֹיז, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דוּ וֶוערְסְט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן נֵייעֶס וָואס אִיז אַלְץ נָאר דִמְיוֹנוֹת, אוּן פוּן זִיכֶערֶע זַאכְן - וֶוערְסְטוּ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן; דָאס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אֵיין טָאג וֶועט קוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער מַלְאָךְ, אוֹיסְגֶעצוֹיגְן בִּיזְן הִימְל, מִיט אַפָּאר טוֹיזְנְט אוֹיגְן, דֶער מַלְאָךְ וֶועט קוּמֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערְד אוּן צוּנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה; פוּן דֶעם מַלְאָךְ קֶען זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, עֶר אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז פוּן דֶעם מַלְאָךְ הָאסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא, דוּ זָארְגְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פַאר דֶעם; וָואלְסְט גֶעדַארְפְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט בּוֹיעֶן אַ בּוּנְקֶער אוּנְטֶער דַיין הוֹיז, זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בּוֹי זִיךְ אַ בּוּנְקֶער אִין דַיין הוֹיז זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן נוּקְלֶעאַר אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. בּוֹי עֶס מִיט תּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוֹיךְ בּוֹי עֶס מִיט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דָאס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַקְדָמָה, דַף יא.): "תָּא חֲזֵי", קוּם אוּן זֶע, "כַּמָּה הוּא חֵילָא תַּקִּיפָא דְּאוֹרַיְיתָא", וִוי שְׁטַארְק אִיז דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְכַמָּה הוּא עִלָּאָה עַל כֹּלָּא", אוּן וִוי שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן אִיז דִי תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶעס, "דְּכָל מַאן דְּאִשְׁתְּדַל בְּאוֹרַיְיתָא", וַוייל דֶער וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "לָא דָחִיל מֵעִלָּאֵי", שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אוֹיבְן, "וְתַתָּאֵי", אוּן עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אוּנְטְן; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען נִישְׁט מוֹרָא - נִישְׁט פוּן מַלְאָכִים אוּן נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. "וְלָא דָחִיל" אוֹיךְ הָאט מֶען נִישְׁט מוֹרָא, "מִמַּרְעִין בִּישִׁין דְּעָלְמָא", פוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְג פוּן דִי וֶועלְט. "בְּגִין דְּאִיהוּ אָחִיד", וַוייל דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, עֶר כַּאפְּט זִיךְ אָן - "בְּאִילָנָא דְחַיֵּי", אִינֶעם עֵץ הַחַיִּים, דִי בּוֹים פוּן לֶעבְּן - "וְיָלִיף מִינֵּיהּ בְּכָל יוֹמָא", דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה כַּאפְּט זִיךְ אָן כִּבְיָכוֹל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

"דְּהָא אוֹרַיְיתָא", וַוייל דִי תּוֹרָה, "תּוֹלִיף לְבַר נָשׁ", לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ - "לְמֵיזַל בְּאֹרַח קְשׁוֹט", צוּ גֵיין אוֹיף אֱמֶת'דִיגֶע וֶועגְן, "תּוֹלִיף לֵיהּ עֵיטָא", עֶס לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֵצוֹת, "הֵיךְ יָתוּב קַמֵּי מָארֵיהּ", וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז גֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, עֶר טוּט נֶעבֶּעךְ עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועט דִי תּוֹרָה אִים וַוייזְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן בְּלָאטֶע, וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, "לְבַטְּלָא הַהִיא גְּזֵרָה", אוּן צוּ מְבַטֵל זַיין גְזֵירוֹת.

"דְּאֲפִילוּ אִתְגְּזַר עֲלֵיהּ דְּלָא יִתְבַּטֵּל הַאי גְּזֵרָה", אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אַ גְזֵירָה אוֹיף דִי גְזֵירָה, אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה, "מִיָּד אִתְבַּטֵּל וְאִסְתַּלַּק מִנֵּיהּ", דוּרְךְ תּוֹרָה וֶועט דִי גְזֵירָה יָא בָּטֵל וֶוערְן, "וְלָא שַׁרְיָא עֲלֵיהּ דְּבַר נָשׁ בְּהַאי עָלְמָא", אוּן דִי גְזֵירָה וֶועט נִישְׁט זַיין אוֹיף אִים, "וּבְגִין כָּךְ", דֶערְפַאר - "בָּעֵי לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּאוֹרַיְיתָא", דַארְף מֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "יְמָמָא וְלֵילֵי", בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, "וְלָא יִתְעֲדֵי מִינָהּ", אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן פוּן דִי תּוֹרָה, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְהוֹשֻׁעַ א, ח): "וְהָגִיתָ בּוֹ", זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, "יוֹמָם וָלַיְלָה", בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט. "וְאִי אִתְעֲדֵי מִינָהּ דְּאוֹרַיְיתָא", וַוייל אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אוֹ אִתְפְּרַשׁ מִינָהּ", אָדֶער מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, "כְּאִלּוּ אִתְפְּרַשׁ מֵאִילָנָא דְחַיֵּי", אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; עַיֵּין שָׁם.

הֶער נִישְׁט קַיין נֵייעֶס - וֶועסְטוּ לֶעבְן אַ חַיִּים טוֹבִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# לֶעבּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן מִיט נָאךְ פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת**

**תקנט**

אוּמְגֶעפֶער אַכְט טֶעג נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר בֶּענְקֶען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוֹיף דֶעם, אוּן זַיין עִיקָר מְנִיעָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין וֶועט זַיין בֵּייז אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים אַזוֹי סַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל אַרוֹיסְוַוייזְן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֶערְט אִים וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אִים צוּפִיל, אוּן יֶעצְט אִיז דָאךְ רֶבִּי נָתָן מַמָּשׁ לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת אוּן שׁוֹין וִויל עֶר פָארְן נָאכְאַמָאל.

זַיין חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן אִיז אָבֶער גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק יָא צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי מְנִיעוֹת אוּן יָא גֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים אַרַיינְגֶעשִׁיקְט אַ גֶעדַאנְק אִין קָאפּ וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס אוֹיסְפִירְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַן עֵצָה אַז עֶר וֶועט פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ בִּינְדְען דֶעם סֵפֶר וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן רֶבִּי'ן [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִין סִימָן תקנ"ד]. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהַאט בַּאפוֹילְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בִּינְדְען דֶעם סֵפֶר אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב צוּלִיב דִי פִילֶע מִתְנַגְדִים וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעווּאוֹינְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט וַוייזְן זַיינֶע תּוֹרוֹת פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל בִּינְדְען דֶעם סֵפֶר נָאר אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אִין פְּלַאן מִיטְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם סֵפֶר קַיין בְּרֶסְלֶב אוֹיף שָׁבוּעוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער אַנְדֶערְשׁ גֶעפִירְט, דֶערִיבֶּער וֶוען עֶר הָאט יֶעצְט גֶעוָואלְט ווִידֶער פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז אִים דָאס גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה אַז עֶר קֶען קוּמֶען מִיט אַ תֵּירוּץ אַז עֶר קוּמְט צוּ בִּינְדְען דִי קוּנְטְרֵסִים. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי.

עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעבְלִיבְּן שְׁטֵיין פָארְנְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס הוֹיז. אָבֶער דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין שְׁטִיבְּל צוּם גְרוֹיסְן הוֹיז אוּן עֶר גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁטֵייט דָארְט, אוּן אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען?", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בִּינְדְען דִי קוּנְטְרֵסִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "אוּן דֶערְפַאר הָאסְטוּ טַאקֶע יֶעצְט גֶעמוּזְט קוּמֶען?!", רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל צוּ עֶנְטְפֶערְן פוּן גְרוֹיס פַּחַד.

רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ גֶעוָואלְט גֵיין צוּם סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער אוּן זִיצְן דָארְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט מֶען זָאל לָאזְן דֶעם סֵפֶר אַלֵיין בַּיים אַיינְבִּינְדֶער אֲפִילוּ דָארְט אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, כָאטְשׁ וָואס דֶער סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הִיטְן אוֹיף דִי קוּנְטְרֵסִים אַז קַיין פְרֶעמְדֶער זָאל נִישְׁט צוּרִירְן דֶערְצוּ, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן בַּיים אַיינְבִּינְדֶער אַ גַאנְצְן פְרַייטָאג, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט וַוייזְן זַיין פָּנִים פַארְ'ן רֶבִּי'ן בִּיז עֶרְשְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נייער קונטרס "א וועג צו לערנען" ווערט צוכאפט

נישט לאנג צוריק איז ארויסגעקומען דער נייער קונטרס מיט'ן נאמען "א וועג צו לערנען", איבערגעזעצט אויף אידיש פונעם קונטרס "סדר דרך הלימוד" וואס מוהרא"ש האט געשריבן, און ווי דער נאמען זאגט איז דאס ממש כשמו כן הוא, עס געבט א וועג צו לערנען תורה פאר יעדן אידיש קינד אין סיי וועלכע מצב ער געפונט זיך נאר. דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד אז מ'קען לערנען תורה בלויז מיט'ן זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מ'פארשטייט נישט וואס מ'זאגט און אפילו מ'געדענקט נישט וואס מ'האט געלערנט.

ווען א מענטש מיינט אז ער קען נאר לערנען תורה אויב ער האט געהעריגע שיעור, א געהעריגע חברותא, ער פארשטייט קלאר יעדע זאך, דאן איז נישט מעגליך ער זאל קענען לערנען יעדן טאג פון יאר, ווייל ס'מאכט זיך כסדר צייטן וואס מ'קען נישט לערנען געהעריג, און אויב מ'איז אנגעוויזן אויף אזויפיל זאכן כדי צו קענען לערנען, גייט דורך א גרויס חלק פון יאר וואס מ'לערנט נישט.

אויך זענען דא מענטשן וואס פאר זיי איז בכלל שווער צו לערנען, זיי האבן נישט קיין גוטע קאפ און פארשטייען נישט קיין לערנען, אדער זענען זיי פאריאגט מיט די שווערע ארבעט צו ברענגען פרנסה, און קענען זיך נישט צוזאמנעמען צו לערנען אביסל תורה, און דערנאך זענען דא געוויסע וואס האבן יא צייט, יא א גוטע קאפ, אבער למעשה ווען זיי קוקן זיך ארום זעען זיי אז ס'גייט זיי דורך טעג וואכן און חדשים וואס זיי עפענען נישט קיין אידיש ספר.

אבער מיט'ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה, מ'נעמט א משניות און מ'הויבט אן זאגן די ווערטער, יעדער איינער לויט וויפיל ער קען, און דאס קען מען טון צו יעדע צייט אונטער סיי וועלכע אומשטענדן, און דאס ברענגט אריין אינעם מענטש א געוואלדיגע גלוסטעניש צו וועלן לערנען נאך און נאך תורה. און די זעלבע זאך איז מיט גמרא, שלחן ערוך, תהלים, חומש רש"י, און אלע חלקים פון די הייליגע תורה, יעדער לויט זיין געשמאק און געפיל, קען יעדער איינציגסטער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה יעדן איינציגסטן טאג פון זיין לעבן.

מוהרא"ש האט געשריבן דעם קונטרס "סדר דרך הלימוד" מיט צענדליגע יארן צוריק, מיט'ן ציל אויסצושמועסן דעם וועג צו לערנען וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן, מיט חיזוק און עצות ווי אזוי דאס מקיים צו זיין, און ווי אזוי יעדער איד קען הנאה האבן פון דעם. אין לויף פון די יארן האט מען שוין איבערגעדרוקט דעם קונטרס הונדערטער מאל, עס איז צושפרייט געווארן ביי אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, און עס האט געמאכט אזויפיל אידן זאלן אנהויבן טראכטן אז זיי קענען אויך האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה, א זאך וואס זיי האבן בכלל נישט גע'חלומ'ט דערפון.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט לעצטנס ביי א שיעור אז מען וואלט געקענט מאכן יעדן איד ער זאל לערנען, מען זאל אים נאר אויסזאגן פון דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן.

יעצט האט מען צום ערשטן מאל איבערגעטייטשט דעם קונטרס אויף אידיש, אז נאר בחורים און אינגעלייט זאלן עס קענען ליינען און פארשטיין, און אויך געוואויר ווערן פון דעם געשמאק פון די הייליגע תורה, אז תורה איז נישט נאר געמאכט געווארן פאר ספעציעלע חשובע אידן, פאר'ן דיין און דער רב, נאר ער קען אויך זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג, און דאס איז אויסער דעם וואס דאס געבט גאר א שטארקע סיפוק הנפש, עס מאכט שפירן גוט מיט זיך, תורה מאכט פרייליך דעם מענטש, און עס האט אין זיך אלע סארט סגולות און רפואות פאר אלע פראבלעמען וואס זענען נאר דא, עס ברענגט שידוכים, שלום בית, פרנסה, נחת, און אזוי ווייטער אלעס וואס א מענטש קען נאר דארפן אין לעבן.

דער קונטרס איז גאר שטארק אויפגעכאפט געווארן, מענטשן כאפן זיך צו צו דעם זייער שטארק, און די מפיצים זענען גאנץ שנעל אויסגעלאפן פון די קונטרסים, אזוי אז מען האט שוין געמוזט נאכאמאל איבערדרוקן, און עס ווערט ווייטער פארשפרייט אויף גאר א שנעלע פארנעם.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער קונטרס זאל טאקע אויפטון די ריכטיגע פעולה, און יעדער איד איבער די וועלט זאל זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה.

**כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

# נייע ספר "יכיר איש" על אגדות הש"ס

ברוב שבח והודאה צום הייליגן באשעפער זענען מיר זוכה צו אן ערשטמאליגער ספר אין אידיש פונעם ראש ישיבה שליט"א אויף אגדות הש"ס, א חיבור וואס באלייכט די אויגן מיט די הערליכע עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, וואס דער ראש ישיבה שליט"א נעמט ארויס פון די הייליגע ווערטער און פירונגען פון די הייליגע תנאים ואמוראים אשר מפיהם ובזכותם אנו חיים.

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו

צו די אפשערן פון זיין זון

נחמן יואל נ"י למזל טוב

***

מו"ה **יוסי קורץ** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## פרנסה און שידוכים

צוויי זאכן מיט וואס מענטשן מוטשען זיך, מען מיינט אז עס איז נישטא צו באקומען, אבער פאקטיש קען עס יעדער האבן מיט'ן ריכטיגן שכל

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 33**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**